ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## חקת

אידיש

**539**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# תשעה ושלשים

## • חוקת •

אין דעם דאָזיגן פרק ווערט ערקלערט, די מעלה פון דעם צדיק און זיינע נעמען, לויט זיינע גוטע מעשים, און פאַרקערט ביי אַ רשע.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

# אינהאַלט

## פון ניין און דרייסיגסטער פרק


א. אַסאַך נעמען מיט וועלכע דער צדיק ווערט אָנגערופן.......ג
ב. דער מענטש וואָס לערנט תורה, וואָס זי ווערט אָנגערופן "אור", ליכטיגקייט, איז זוכה צום אור הגנוז וואָס דער אויבערשטער האָט באַהאַלטן אין ששת ימי בראשית, און עס וועט אים נישט שאַטן די ליכטיגקייט פון דער זון ווען דער אויבערשטער וועט איר אַרויסנעמען פון שיידל לעתיד לבוא.......ד
ג. דער מענטש זאָל זיין געוואָרנט צו טוהן אַפילו די גרינגע מצוות.......ד
ד. דער צדיק איז משפיע גרויסקייט צו די מענטשן וואָס רינגלען אים אַרום.......ח
ה. ווען עס שטאַרקט זיך די מדת הדין אויף דער וועלט, גייט נישט דער אויבערשטער אין הימל מיט מדת הדין.......ח
ו. דער צדיק פאַרשטייט די פאַרבאָרגענע סודות פון דער תורה.......ח
ז. דער צדיק, אַפילו אויב ער האָט אַ פעלער, האָט ער אַסאַך חן ביי אַלע מענטשן וואָס זעען אים.......ח
ח. אַ תלמיד חכם וואָס קויפט חכמה, האָט אַ גרעסערע מעלה פונעם מענטש וואָס איז אַלט אין יאָרן.......ו
ט. דער צדיק לערנט זיבעציג פשטים אין דער תורה, וואָס אפילו די מלאכים קענען עס נישט דערגרייכן.......ו
י. דער צדיק שטאַרבט נישט נאָר מיט זיין אייגענעם ווילן, און אויב ער וויל נישט שטאַרבן, קען ער צוריקהאַלטן זיין טויט ווי לאַנג ער וויל.......ז
יא. דער צדיק טוט אויסרוימען די עבודה זרות פון דער וועלט, און לערנט מענטשן דעם גלייכן וועג.......ז
יב. דער צדיק גיט פון זיין כבוד אַ מתנה צו מענטשן, דערמיט וואָס ער איז מכבד אַלע מענטשן.......ח
יג. דורך דעם וואָס דער צדיק באַטייליגט זיך אין מלחמתה של תורה, איז ער גורם אַז אידן זאָלן נישט פאַלן אין מלחמה דורך זייערע פיינט.......ח
יד. אַלץ וואָס איז דאָ בית המקדש, איז דאָ אין דעם מענטש.......ח
טו. דער צדיק האָט אַ מעגליכקייט צו צווינגען מלאכים זיי זאָלן טוהן זיין שליחות.......ט
טז. דער צדיק איז מבטל שלעכטע גזירות, און קערט זיי אום צום גוטן.......ט
יז. אין זכות וואָס אַ מענטש איז עוסק אין תורה און גמילות חסדים, האָט די וועלט אַ קיום.......ט
יח. דער צדיק האָט אַ כח צו טויטן און לעבעדיג מאַכן.......ט
יט. נאָר דער צדיק קען שטראָפן אַנדערע מענטשן, און זיינע ווערטער ווערן געהערט.......י
כ. דער מענטש וואָס טייטשט אויס די תורה צוליב כבוד אָדער אַנדערע פניות, ווערט אויסגעריסן פון דער וועלט.......י
כא. די מלאכים פון הימל פרייען זיך מיט די תורה וואָס דער צדיק לערנט.......י
כב. דורך זיין תורה טוט דער צדיק ראַטעווען אַנדערע מענטשן פון טויט.......יא
כג. דער צדיק וועקט אויף די איינגעשלאָפענע מענטשן צו טוהן תשובה, און ער פירט זיי אויפן ריכטיגן וועג ווי אַזוי צו טוהן תשובה.......יא
כד. דער אויבערשטער הערט די תפילות פון מענטשן און שיקט אַראָפּ שפע אויף דער וועלט, אַמאָל ווערט דער שפע צוריקגעהאַלטן אינמיטן וועג, ווען דער מענטש איז נישט זוכה דערצו. עס ווערט באַהאַלטן פאַר די צדיקים. אַמאָל קומט עס אַראָפּ אין זכות פון אַן אַנדער צדיק.......יב
כה. אין זכות פון צדיק איז נישטאָ קיין שטראָף אויף דער וועלט.......יב
כו. דער צדיק איז מער פון אַ ספר תורה.......יב
כז. די פריערדיגע דורות זענען אָנגערופן געוואָרן "סופרים", ווייל זיי האָבן געציילט די אותיות פון דער תורה.......יג
כח. דורך דעם וואָס דער צדיק נעמט אָן זיינע יסורים באהבה און פרייט זיך מיט זיי, לערנען אַנדערע זיך אויך אַזוי צו פירן.......יג
כט. די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליבן צדיק, און פאַרוואָס עס זענען דאָ אַנדערע מענטשן אויף דער וועלט, איז כדי ער זאָל נישט זיין אַליין.......יד
ל. אויב עס איז חס וחלילה דאָ אַ שלעכטע גזירה, בעט דער צדיק איבער דעם אויבערשטן.......יד
לא. דער צדיק ציט אַרויס נשמות פון גיהנום.......יד
לב. אַ צדיק איז זיך מבזה פאַר אַ מצוה, ווי הלל הזקן וואָס ער איז געלאָפן פאַר אַן אָרימאַן וואָס האָט געשטאַמט פון צדיקים.......טו
לג. דער צדיק איז דבוק אין דעם אויבערשטן און אין זיין תורה.......טו
לד. יעדע מינוט וויל דער צדיק מקיים זיין דעם ווילן פון דעם אויבערשטן.......טו
לה. דער צדיק טרעפט פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי זיך צו שטאַרקן אויפן יצר הרע.......טז
לו. דער צדיק געוואוינט זיך צו גיין מיט דעם אויבערשטן מיט תמימות.......טז
לז. דער צדיק ווערט אָנגערופן "אלהים", ווייל ער טוט די פעולות פון דעם אויבערשטן.......טז
לח. די מעלה פון דעם צדיק און זיינע הייליגע נעמען, און די שאַנדע פון דעם רשע.......יז
לט. אַ טייטש אויף דעם וואָס מען פרעגט אַ מענטש נאָך זיין טויט, וואָס זיין נאָמען איז.......יז

# פרק תשעה ושלשים

## אַסאַך נעמען מיט וועלכע דער צדיק ווערט אָנגערופן

**א. יתגדל הבורא,** זאָל געאַכפערט ווערן דער באַשעפער, און זאָל געהייליגט ווערן דער וואָס האָט באַשאַפן דעם מענטש און האָט אים געמאַכט געוועלטיגן איבער אַלעם וואָס ער האָט באַשאַפן. די אויבערשטע און אונטערשטע באַשעפענישן, אַלץ האָט ער געטוהן אונטער די פיס פון דעם מענטש.

**ב. בהיותו,** אויב דער מענטש איז באַהאָפטן צו דעם אויבערשטן ברוך הוא, ער איז עוסק אין דעם אויבערשטן׳ס תורה און איז מקיים זיינע מצוות מיט זיין גאַנצן זעל, קויפט ער פאַר זיך הייליגע נעמען, און די פאָלגענדע נעמען זענען די נעמען מיט וועלכע דער צדיק ווערט אָנגערופן: ״אור נערב״, אַ זיסע ליכט; ״בונה עולם״, ער בויט-אויף די וועלט; ״גדולה״; ״דיין״; ״דעת צלול״; ״הוד והדר״; ״זקנה״; ״חכמה״; ״חיים״; ״טהרה״; ״יושר״; ״כבוד״; ״לוחם״; ״מקדש״; ״מכריח מלאכים״, ער קען צווינגען די מלאכים אַז זיי זאָלן אים פאָלגן; ״מבטל גזירות״; ״מעמיד עולם״; ״ממית ומחיה״; ״מוכיח״; ״מושל״; ״מכתיר תורה״; ״משמח עליונים״; ״מציל נפשות״; ״מעורר נרדמים״, ער דערוועקט די שלעפערדיגע; ״מטהר טמאים״; ״מדריך שבים״; ״מנורה טהורה״; ״ממשיך שפע״, ער ציט אַראָפּ שפע אויף דער וועלט; ״נועל דלת בפני פורעניות״, ער פאַרשליסט די טיר פאַר די פורעניות; ״ספר תורה״; ״סופר״; ״סומך עולם מלא״; ״עזרה בצרה״; ״פודה נפשות״; ״צדקה״; ״קדושה״; ״רצון״; ״שמירה״; ״תמימות״; מיט אָט די אַלע נעמען ווערט דער צדיק אָנגערופן.

**דער מענטש וואָס לערנט תורה, וואָס זי ווערט אָנגערופן "אור", ליכטיגקייט, איז זוכה צום אור הגנוז וואָס דער אויבערשטער האָט באַהאַלטן אין ששת ימי בראשית, און עס וועט אים נישט שאַטן די ליכטיגקייט פון דער זון ווען דער אויבערשטער וועט איר אַרויסנעמען פון שיידל לעתיד לבוא.**

**ג. והנני,** און איצט וועל איך מפרש זיין דעם טעם פון יעדן נאָמען פונעם צדיק, כדי צו לאָזן וויסן די מעלות פון אים, אַז דער מענטש וואָס וועט הערן ווי גרויס עס איז דער כח פון צדיק, וועט אונטערטעניג ווערן זיין פאַרשטאָפּט האַרץ, ער זאָל זיך דערווייטערן פון יצר הרע, נישט צו פאַרלירן די אַלע מעלות. און דערפון קען מען פאַרשטיין דעם היפוך, דאָס פאַרקערטע דערפון, ווי גרויס עס איז דאָס שלעכטע און די שאַנדע וואָס דערגרייכט דעם רשע.

**ד. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**אור נערב**", אַ זיסע ליכט, ווייל דער מענטש וואָס לערנט תורה וואָס זי ווערט אָנגערופן ליכט, אַנטפּלעקט פאַר אים דער אויבערשטער ברוך הוא דאָס זיסע ליכט וואָס איז באַהאַלטן, און לעתיד לבוא ווען דער אויבערשטער ברוך הוא וועט אַרויסציען דאָס באַהאַלטענע ליכט, וועט ער שוין נישט געשעדיגט ווערן דערפון. אָבער די רשעים, וויבאַלד זיי זענען נישט צוגעוואוינט צו די גרויסע ליכט, וועלן זיי געשעדיגט ווערן פון דער גרויסער ליכט, דעריבער ווערט דער צדיק אָנגערופן "אור נערב", ווייל אין זיינע אויגן שיינט די זיסע ליכט.

## דער מענטש זאָל זיין געוואָרנט צו טוהן אַפילו די גרינגע מצוות

**ה. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**בונה עולם**", אַ בויער פון דער וועלט, ווייל די וועלט האָט אַ קיום דורך דעם וואָס דער צדיק לערנט תורה, און אויך ווייל יעדן טאָג בויט ער די וועלט

מיט די מצוות און מעשים טובים וואָס ער טוט, און דורך דער תורה וואָס ער לערנט.

**דער צדיק איז משפיע גרויסקייט צו די מענטשן וואָס רינגלען אים אַרום**

**ו. נקרא,** דער צדיק ווערט גערופן "**גדולה**", ווייל ער גיט צו אַנדערע מענטשן גרויסקייט. דער וואָס דערנענטערט זיך צו אַ צדיק, לערנט זיך אָפּ פון אים מעשים טובים.

**ווען עס שטאַרקט זיך די מדת הדין אויף דער וועלט, גייט נישט דער אויבערשטער אין הימל מיט מדת הדין.**

**ז. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**דיין**", ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא איז אַ דיין אמת, און ווען דער דיין משפט מיט אמת אויף דער וועלט, דעמאָלט משפט נישט איבער דער אויבערשטער ברוך הוא דעם דין אויפן הימל, ווייל דער אויבערשטער מאַכט דעם צדיק פאַר אַ דיין אויף דער ערד צו משפט'ן אויף זיין אָרט.

**דער צדיק פאַרשטייט די פאַרבאָרגענע סודות פון דער תורה**

**ח. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**דעת צלול**", ווייל ער פאַרשטייט אין די סתרי תורה, די באַהאַלטענע סודות פון דער תורה, און דער צדיק מיט זיין קלאָרן שכל ווייזט אָן דאָס אָרט וואו עס זענען דאָ סודות התורה. אויך פאַרשטייט ער און ווייסט דאָס גוטס וואָס איז באַהאַלטן צו די צדיקים, און נאָך אַ סאַך פאַרבאָרגענע זאַכן ווייסן זיי.

**דער צדיק, אַפילו אויב ער האָט אַ פעלער, האָט ער אַסאַך חן ביי אַלע מענטשן וואָס זעען אים.**

**ט. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**הוד והדר**", ווייל ער איז די לויב און דאָס שיינקייט פון דער וועלט, אַזוי ווי אונזערע

חכמים זכרונם לברכה האָבן גע׳דרש׳נט אויף דעם פסוק **"ויצא יעקב"**, כל זמן דער צדיק איז אין שטאָט, איז ער איר לויב, איר שיינקייט, איר לויטערקייט. ווען דער צדיק גייט אַוועק פון שטאָט, קערט זיך אָפּ איר שיינקייט, וכו׳.

## אַ תלמיד חכם וואָס קויפט חכמה, האָט אַ גרעסערע מעלה פונעם מענטש וואָס איז אַלט אין יאָרן.

**י. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן **"זקנה"**, אַזוי ווי די חכמים האָבן געזאָגט, "זקן" איז די ראשי תיבות "זה קנה" חכמה, דער מענטש וואָס קויפט קלוגשאַפט. אפילו ווען ער איז יונג, אויב ער איז אַ תלמיד חכם, ווערט ער אָנגערופן "זקן".

**יא. ועוד,** און נאָך אַ טעם פאַרוואָס ווייל דורך דער תורה ווייסט ער וואָס עס האָט פּאַסירט זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, גלייך ווי ער איז שוין זייער אַלט.

**יב. ולכן,** און וועגן דעם ווערט ער אָנגערופן "זקנה", ווייל ער האָט מער מעלה פונעם זקן, ווייל אַן אַלטער מאַן ווייסט נישט מער נאָר דאָס וואָס ער האָט געזען, אָבער נישט וואָס עס האָט פּאַסירט פאַר אים, אָדער וואָס עס וועט פּאַסירן נאָך אים, אָבער דער תלמיד חכם ווייסט וואָס עס איז שוין געווען פון דעם טאָג ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

## דער צדיק לערנט זיבעציג פשטים אין דער תורה, וואָס אפילו די מלאכים קענען עס נישט דערגרייכן.

**יג. נקרא,** דער צדיק און תלמיד חכם ווערט אָנגערופן **"חכמה"**, ווייל די חכמה פון דער תורה איז אין זיין האַרץ, צו טייטשן אויף זיבעציג אופנים, וואָס נאָר דער אויבערשטער ברוך הוא אַליין ווייסט זי, און צו דעם צדיק ווערן איבערגעגעבן אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן און אַלע סודות.

**דער צדיק שטאַרבט נישט נאָר מיט זיין אייגענעם ווילן, און אויב ער וויל נישט שטאַרבן, קען ער צוריקהאַלטן זיין טויט ווי לאַנג ער וויל.**

**יד. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**חיים**", אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק "**עץ חיים הוא למחזיקים בה**", די תורה איז אַ בוים פון לעבן צו די מענטשן וואָס האַלטן איר, און דאָס לעבן איז איבערגעגעבן צו דעם צדיק, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה זאָגן אין מדרש, דער צדיק שטאַרבט נישט ביז ער בעט מיט זיין מויל אויפן טויט.

**טו.** אויך ווען דער צדיק און תלמיד חכם זאָל נישט אויפהערן צו לערנען, וואָלט ער נישט געשטאָרבן, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט וועגן דוד המלך עליו השלום און וועגן רבה בר נחמני, אַז אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו לערנען, האָט דער מלאך המות נישט געקענט גענענען צו זיי.

**דער צדיק טוט אויסרוימען די עבודה זרות פון דער וועלט, און לערנט מענטשן דעם גלייכן וועג.**

**טז. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**טהרה**", ווייל ער רוימט אויס די אומווערדיגקייטן פון דער וועלט. אויך פסק'נט ער פאַר'ן פאָלק צווישן טמא און טהור, און דעם שיעור מקוה וואָס איז מטהר די טמא'נע מענטשן. ממילא דער תלמיד חכם אַליין די טהרה, ווייל ער מאַכט אַנדערע מענטשן ריין פון זייער טומאה.

**יז. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**יושר**", ווייל ער ווייזט די רעכטפאַרטיגקייט צו יעדן מענטשן, ער שטראָפט די רשעים און ווייזט זיי מיט וואונדערליכע איבערצייגונגען אַז זיי זענען זיך טועה, און פאַרמיידט זיי פון אַ טעות, און דורך דעם גייען זיי אין גלייכן וועג.

**דער צדיק גיט פון זיין כבוד אַ מתנה צו מענטשן, דערמיט וואָס ער איז מכבד אַלע מענטשן.**

**יח. נקרא,** דער צדיק און תלמיד חכם ווערט אָנגערופן **"כבוד"**, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק **"כבוד חכמים ינחלו"**, דעם כבוד טוען די חכמים ירש'ענען, און עס איז זייערס, נאָר דער צדיק גיט פון זיין כבוד אַ מתנה, דורך דעם וואָס ער איז מכבד יעדן מענטש.

**דורך דעם וואָס דער צדיק באַטייליגט זיך אין מלחמתה של תורה, איז ער גורם אַז אידן זאָלן נישט פאַלן אין מלחמה דורך זייערע פיינט.**

**יט. נקרא,** דער צדיק און תלמיד חכם ווערט אָנגערופן **"לוחם"**, ווייל ער האַלט שטענדיג מלחמה קלאָר צו מאַכן די דיני התורה, דורך דעם איז ער גורם אַז אידן זאָלן נישט פאַלן אין מלחמה, ווייל זיין זכות באַשיצט אויף זיי.

**אַלץ וואָס איז דאָ בית המקדש, איז דאָ אין דעם מענטש.**

**כ. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן **"מקדש"**, ווייל אַלץ וואָס עס איז דאָ אין בית המקדש איז דאָ אינעם מענטש, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן אַסאַך געשריבן דערפון, ווי אַזוי יעדע כלי פון בית המקדש איז מרומז אין די איברים פון מענטש.

**הכלל,** דער כלל איז, די הייליגע נשמה וואָס איז אין מענטש, דאָס איז קעגן דער שכינה וואָס זי רוהט אין קדשי קדשים.

**גם,** אויך ווערט ער אָנגערופן "מקדש", ווייל ער איז מכפר אויף זיין דור, גלייך ווי די קרבנות וואָס מען האָט מקריב געווען אין בית המקדש.

## דער צדיק האָט אַ מעגליכקייט צו צווינגען מלאכים זיי זאָלן טוהן זיין שליחות

**כא. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן **"מכריח מלאכים"**, ווייל ער האָט די מעגליכקייט צו צווינגען מלאכים צו טוהן זיין שליחות, און אַ טייל מאָל ווערן זיי געשיקט פון הימל צו טוהן דעם ווילן פון דעם צדיק.

## דער צדיק איז מבטל שלעכטע גזירות, און קערט זיי אום צום גוטן.

**כב. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן **"מבטל גזירות"**, ווייל דורך זיין תפלה איז ער מבטל אַלע שלעכטע גזירות.

**כג. נקרא,** ער ווערט אָנגערופן **"מהפך גזירה"**, ווייל אויב דער אויבערשטער ברוך הוא איז חס ושלום גוזר טויט אויף אַ מענטש, קערט דער צדיק איבער די גזירה פון טויט צו לעבן.

## אין זכות וואָס אַ מענטש איז עוסק אין תורה און גמילות חסדים, האָט די וועלט אַ קיום.

**כד. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן **"מעמיד עולם"**, ווייל אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף דין, אמת און שלום. און אויף דריי זאַכן האָט די וועלט אַ קיום: אויף תורה, קרבנות און גמילות חסדים.

**כה. הדין,** דין און אמת און שלום איז דער צדיק מקיים און איז אויך עוסק אין תורה, און וויבאַלד ער לערנט די דינים פון קרבנות, איז גלייך ווי ער איז מקריב קרבנות, און איז עוסק אין גמילות חסדים, ממילא דערהאַלט ער די וועלט.

## דער צדיק האָט אַ כח צו טויטן און לעבעדיג מאַכן

**כו. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן **"ממית ומחיה"**, אַזוי ווי

רבי יוחנן, וואָס ווען ער האָט געגעבן זיינע אויגן אין רב כהנא, איז רב כהנא נפטר געוואָרן, און דערנאָך האָט רבי יוחנן געבעטן דעם אויבערשטן, און ער איז לעבעדיג געוואָרן.

**נאָר דער צדיק קען שטראָפן אַנדערע מענטשן, און זיינע ווערטער ווערן געהערט.**

**כז. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**מוכיח**", ווייל ער איז ריין פון זינד. דעריבער, אויב דער צדיק זאָגט צו אַ מענטש, פאַרוואָס טוסטו די עבירה, קען ער אים נישט זאָגן, דו טוסט נאָך אַ גרעסערע עבירה, דעריבער ווערן זיינע רייד געהערט.

**דער מענטש וואָס טייטשט אויס די תורה צוליב כבוד אָדער אַנדערע פניות, ווערט אויסגעריסן פון דער וועלט.**

**כח. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**מכתיר תורה**", ער מאַכט אַ קרוין צו דער תורה, דערמיט וואָס ער איז מפרש יעדע זאַך מיט אַ טעם, און ווייל אַז מען זאָל טוהן די מצוות, און דאָס איז אַ קרוין צו דער תורה, ווייל ער מאַכט איר באַליבט אין אויגן פון מענטשן.

**די מלאכים פון הימל פרייען זיך מיט די תורה וואָס דער צדיק לערנט**

**כט. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**משמח עליונים**", די מלאכים פרייען זיך מיט דער תורה פון צדיק, אַזוי ווי די חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט ביי ירבעם, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים געוואָלט צונעמען פון דער וועלט איידער ער איז געוואָרן שלעכט, האָבן די מלאכים נישט דערלאָזט, און האָבן געבעטן דעם אויבערשטן ער זאָל אים לאָזן לעבן, ווייל זיי האָבן זיך געפרייט מיט זיין תורה.

## דורך זיין תורה טוט דער צדיק ראַטעווען אַנדערע מענטשן פון טויט

**ל. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן **"מציל נפשות"**, ווייל דורך זיין תורה און גוטע מעשים, פאַרמיידט ער עס זאָל נישט קומען אויף דער וועלט קיין מאָרד און הונגער און אַלע סאָרטן שלעכטס וואָס פאַרלענדן די וועלט חס וחלילה.

## דער צדיק וועקט אויף די איינגעשלאָפענע מענטשן צו טוהן תשובה, און ער פירט זיי אויפ'ן ריכטיגן וועג ווי אַזוי צו טוהן תשובה.

**לא. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן **"מעורר נרדמים"**, ווייל ער דרש'נט פאַר אַסאַך מענטשן, און לאָזט זיי וויסן דעם שכר פון מצוות און די שטראָף פון עבירות, און די מענטשן הערן דאָס און דערוועקן זיך צו טוהן תשובה, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלירן דעם שכר, און צוליב די פאָרכט פאַר די שטראָפן פון גיהנם, און פון שלא לשמה קומט אויס אַז זיי טוען עס דערנאָך לשמה.

**לב. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן **"מדריך שבים"**, ווייל דער צדיק לערנט מיט די זינדיגע מענטשן דעם גוטן וועג, און ווען ער זעהט אַז אַ רשע טוט תשובה אויף זיינע זינד, לערנט ער אים די תשובה וואָס איז שייך צו יעדע עבירה, און דורך דעם ווערט ער אָנגערופן אַ אֶמת'ער בעל תשובה, וואָס אֶמת'ע צדיקים קענען נישט שטיין אין זייער מחיצה.

**דער אויבערשטער הערט די תפילות פון מענטשן און שיקט אַראָפּ שפע אויף דער וועלט, אַמאָל ווערט דער שפע צוריקגעהאַלטן אינמיטן וועג, ווען דער מענטש איז נישט זוכה דערצו. עס ווערט באַהאַלטן פאַר די צדיקים. אַמאָל קומט עס אַראָפּ אין זכות פון אַן אַנדער צדיק.**

**לג. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן ״**ממשיך שפע**״, ווייל ווען עס איז דאָ אַ צדיק אויף דער וועלט, כאָטש אויב דער וואָס בעט אַ בקשה ממשיך צו זיין שפע, איז נישט ראוי, אַז זיין בקשה זאָל דערפילט ווערן, לאָזט מען פאָרט נידערן די שפע צוליב דעם זכות פון צדיק.

**אין זכות פון צדיק איז נישטאָ קיין שטראָף אויף דער וועלט**

**לד. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן ״**נועל דלת**״, ווייל מיט זיינע יסורים וואָס ער בעט אויף זיך, פאַרשליסט ער די טיר פאַר פורעניות, עס זאָל נישט קומען אויף דער וועלט, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה זאָגן, אַז אין דער צייט ווען רבינו הקדוש האָט געליטן יסורים, איז קיין מענטש נישט געשטאָרבן פאַר זיין צייט, און קיין פרוי האָט נישט מפיל געוועזן.

**דער צדיק איז מער פון אַ ספר תורה**

**לה. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן ״**ספר תורה**״, ווייל די צוויי און צוואָנציג אותיות פון דער תורה זענען מרומז אין דעם גוף פון דעם מענטש. אויך דער צדיק איז מפרש די זאַכן פון דער תורה וואָס קיינער ווייסט זיי נישט. דעריבער מוז מען אַזוי ערליך האַלטן דעם צדיק אַזוי ווי אַ ספר תורה, ווי די חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, די מענטשן פון בבל זענען נאַראָנים ווייל זיי שטייען נישט אויף פאַר אַ תלמיד חכם.

## די פריערדיגע דורות זענען אָנגערופן געוואָרן "סופרים", ווייל זיי האָבן געציילט די אותיות פון דער תורה.

**לו. ונקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**סופר**", ווייל די חכמים זכרונם לברכה זאָגן אַז די חכמים אין די פריערדיגע דורות זענען אָנגערופן געוואָרן מיט'ן נאָמען "סופרים" ווייל זיי האָבן געציילט די אותיות פון דער תורה. זיי האָבן געזאָגט אַז די וי"ו פון וואָרט "**גחון**" איז אַ העלפט פון די אותיות פון דער תורה, די ווערטער "**דרוש דרש**" זענען אַ העלפט פון די ווערטער אין דער תורה. דער פסוק "**והתגלח**" איז אַ העלפט פון די פסוקים. אין דעם פסוק אין תהילים "**יכרסמנה חזיר מיער**", איז די עי"ן פון דעם וואָרט "**יער**" אַ העלפט פון די אותיות פון ספר תהילים. דער פסוק "**והוא רחום יכפר עון**" איז אַ העלפט פון די פסוקים.

**לז. גם,** אויך ווערט דער צדיק אָנגערופן "סופר", ווייל ער ציילט די עיבורים פון די חדשים און יאָרן, פון די תקופות און מולדות, און ער דרש'ענט רעכענונגען און גימטריאות אין דער תורה, און דערפאַר ווערט דער צדיק אָנגערופן מיט'ן נאָמען "סופר".

## דורך דעם וואָס דער צדיק נעמט אָן זיינע יסורים באהבה און פרייט זיך מיט זיי, לערנען אַנדערע זיך אויך אַזוי צו פירן.

**לח. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**סומך**", ווייל די מענטשן וואָס האָבן צער און יסורים ל"ע זענען זיי מקבל באהבה, ווען זיי זעען אַז אויך דער צדיק ליידט יסורים און נעמט דאָס אויף מיט שמחה, נעמען זיי אַ טרייסטונג פון אים, און באַקלאָגן זיך נישט.

**די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליבן צדיק, און פאַרוואָס עס זענען דאָ אַנדערע מענטשן אויף דער וועלט, איז כדי ער זאָל נישט זיין אַליין.**

**לט. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**עולם מלא**", ווייל דער צדיק פרייט זיך מיט דעם ביסל וואָס דער אויבערשטער גיט אים, און עס איז ביי אים גלייך ווי די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין חלק.

**אויב עס איז חס וחלילה דאָ אַ שלעכטע גזירה, בעט דער צדיק איבער דעם אויבערשטן.**

**מ. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**עזרה בצרה**", ווייל אויב עס איז אַ צרה ח"ו אויף דער וועלט איז דער צדיק מבטל די צרה. די טבע פון דעם צדיק איז, צו טוהן גוטס סיי צו אידן און סיי צו גויים. ווי מיר געפינען אין מדרש קהלת, אַז אַ גוי איז אַרויס פון ים נאַקעט, ווייל זיין שיף איז צעבראָכן געוואָרן, האָט ער געבעטן די אידן אַז זיי זאָלן זיך דערבאַרעמען איבער אים. איז געקומען רבי יהושע און האָט אים געפירט צו זיך, ער האָט אים אָנגעקליידעט און האָט אים געגעבן צו עסן און טרינקען, און האָט אים אויך געגעבן געלט.

**לאחר,** אין אַ צייט אַרום איז דער גוי געוואָרן אַ גרויסער האַר, און ער האָט גוזר געווען אַז מען זאָל פייניגן די מענטשן וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט דערבאַרעמען איבער אים. האָבן זיי געשיקט צו אים רבי יהושע. באַלד ווי דער האַר האָט אים דערזען, האָט ער מוחל געווען פאַר אַלע אַנדערע מענטשן אין זכות פון ר' יהושע.

**דער צדיק ציט אַרויס נשמות פון גיהנום**

**מא. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**פודה נפשות**", ווייל ער קען אויסלייזן נשמות פון גיהנום, אַזוי ווי רבי האָט געזאָגט וועגן אלישע בן אבויה וואָס ער ווערט אָנגערופן "אחר": אויב

דער אויבערשטער וועט דיך אויסלייזן פון גיהנום איז גוט, און אויב נישט, וועל איך דיך אויסלייזן פון דאָרט.

**אַ צדיק איז זיך מבזה פאַר אַ מצוה, ווי הלל הזקן וואָס ער איז געלאָפן פאַר אַן אָרימאַן וואָס האָט געשטאַמט פון צדיקים.**

**מב. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**צדקה**", ווייל ער טוט אַ סאַך צדקה, אַזוי ווי די חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט וועגן הלל, אַז עס איז געקומען צו אים אַן עני בן טובים, אַן אָרימאַן וואָס האָט געשטאַמט פון רייכע מענטשן, וואָס ער איז געווען געוואוינט צו רייטן אויף אַ פערד, און אַז אַ קנעכט זאָל לויפן פאַר אים, האָט ער איין מאָל דאָס נישט באַקומען איז הלל אַליין געלאָפן פאַר אים. זעט מען פון דעם אַז דער צדיק אַליין ווערט אָנגערופן "צדקה".

**דער צדיק איז דבוק אין דעם אויבערשטן און אין זיין תורה**

**מג. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**קדושה**", ווייל די תורה ווערט אָנגערופן "מים", און ער איז שטענדיג אין איר, און ער איז שטענדיג באַהאָפטן צום אויבערשטן ברוך הוא, וואָס ער ווערט אָנגערופן "מקוה", אַזוי ווי די מקוה איז מטהר די טמא׳נע מענטשן, אַזוי איז דער אויבערשטער מטהר די אידן און ער איז מטהר אַנדערע און הייליגט זיי. דאָס איז דווקא, ווען די אידן זענען באַהאָפטן אין דעם צדיק און אין זיין תורה, און וויבאַלד דער צדיק איז דבוק אין אויבערשטן און אין זיין תורה, רוהט נישט קיין טומאה אויף אים, און ער רייניגט אַנדערע מענטשן און הייליגט זיי פון טומאה. און דעריבער ווערט דער צדיק אָנגערופן "קדושה", ווייל ער איז די קדושה אַליין.

**יעדע מינוט וויל דער צדיק מקיים זיין דעם ווילן פון דעם אויבערשטן**

**מד. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**רצון**", ווייל ער וויל

שטענדיג דינען זיין באַשעפער, און טוהן גוטס מיט אַלע באַשעפענישן, ביז ער ווערט צוגעוואוינט דערמיט אין אַ אופן אַז ער הערט נישט אויף אַפילו אויף איין רגע, גלייך ווי ער אַליין איז דער ווילן, און וועגן דעם ווערט ער אָנגערופן "רצון".

## דער צדיק טרעפט פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי זיך צו שטאַרקן אויפן יצר הרע

**מה. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**שמירה**", ווייל ער קעןביישטיין קעגן דעם יצר הרע, און ער ווערט געהיטן פון אים. ער שטאַרקט זיך איבערן יצר הרע מיט אַלערליי אופנים.

## דער צדיק געוואוינט זיך צו גיין מיט דעם אויבערשטן מיט תמימות

**מו. נקרא,** דער צדיק ווערט אָנגערופן "**תמימות**", ווייל ער גייט מיט גאַנצקייט מיטן אויבערשטן ברוך הוא, ער קלערט נישט אַריין נאָך אים, גלייך ווי ער אַליין איז די גאַנצקייט.

## דער צדיק ווערט אָנגערופן "אלהים", ווייל ער טוט די פעולות פון דעם אויבערשטן.

**מז. נקרא,** ער ווערט אָנגערופן "**אלהים**", אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק "**אני אמרתי אלהים אתם**", איך האָב געטראַכט אַז איר אַלע ווערט אָנגערופן "אלהים". דער צדיק וואָס לערנט תורה און טוט מעשים טובים, איז ראוי צו ווערן אָנגערופן "אלהים".

**מח. ובדין,** און דערפאַר קומט אים דעם נאָמען, ווייל דער צדיק טוט די ווערק פון דעם אויבערשטן ברוך הוא. אַזוי ווי דער אויבערשטער איז מחיה מתים, ער מאַכט לעבעדיג די טויטע, אַזוי האָבן אויך געטוהן אליהו און אלישע, און אַזוי ווי דער אויבערשטער מאַכט נידערן רעגן, אַזוי האָט אויך געטוהן שמואל הנביא.

**מט. וכן,** אויך קענסטו זען אין זוהר, אַז ער רופט אָן דעם תלמיד חכם "**מלא עיינין**", ווייל די תלמידי חכמים זענען פול מיט אויגן צו זען און מפרש צו זיין די סודות פון דער תורה, און נאָך פיל נעמען האָבן די תלמידי חכמים.

**נ. והדבר,** און פאַרקערט פון דעם איז דער רשע, ער האָט אַ סאַך שלעכטע נעמען. ער ווערט גערופן "רשע", "משחית", "מחבל", "רוצח", "משוקץ", "מתועב", און נאָך פיל אַזעלכע נעמען, וואָס זיי האָבן גאָר קיין עק נישט.

## די מעלה פון דעם צדיק און זיינע הייליגע נעמען, און די שאַנדע פון דעם רשע.

**נא. לכן,** דעריבער האָב איך דיר מודיע געווען די נעמען וואָס דער צדיק האָט, און די נעמען וואָס דער רשע האָט, כדי דו זאָלסט זען די מעלה פון דעם צדיק, און די שאַנד פון דעם רשע, דורך דעם וועט דער מענטש זיך דערוועקן תשובה צו טוהן, כדי ער זאָל פאַר זיך קויפן די הייליגע נעמען וואָס ביי דעם יום הדין וועלן זיי עדות זאָגן אויף זיינע גוטע מעלות.

## אַ טייטש אויף דעם וואָס מען פרעגט אַ מענטש נאָך זיין טויט, וואָס זיין נאָמען איז.

**נב. ואפשר,** און עס איז מעגליך, אַז אויף דעם האָבן די חכמים זכרונם לברכה געזאָגט, אַז נאָכן טויט פרעגט מען אים ווי אַזוי ער הייסט, וואָס זיין נאָמען איז. די כוונה דערפון איז אויף דעם נאָמען וואָס ער האָט פאַר זיך געקויפט דורך זיינע מעשים, אויב ער איז אַ צדיק אָדער אַ רשע, געלויבט איז דער אויבערשטער אויף אייביג, אמן.

❀ ❀ ❀